# צום פינטל

גליון מז
חג הסוכות תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## מועדים



### ◆ 'סוכה דירת עראי בעינן'

די 'דירה' פון א מענטש איז דא אין דריי דרגות, בית, אהל, וסוכה, א 'בית' איז קבוע אויף אייביג, א 'אהל' איז קבוע פאר א האלבע יאר (רמב"ם הלכות שבת), און א 'סוכה' איז דא צוויי סארטן, ס'איז דא סוכות וואס מ'שטעלט אויף אין די 'חצרים', לעבן די הייזער, וואס די סארט סוכות זענען אויך קבוע פאר א האלבע יאר, פאר די זומער סעזאן, אזוי ווי א 'אהל קבע' וואס איז קבוע פאר די זומער סעזאן (ווי ס'איז מבואר אין תוס' אז דער מאן דאמר סוכה דירת קבע, מיינט דאס נישט ווי די קביעות פון א בית נאר ווי די קביעות פון א אהל), און ס'איז דא אנדערע סוכות וואס זענען מער עראי'דיג, פאר א קארצע תקופה ממש.

דאס הייסט אז פאר מ'קומט צו די הלכה פון 'סוכות' לכבוד יום טוב סוכות, קודם סתם סוכות וואס זענען געמאכט פאר די זומער, איז דא אין דעם צוויי סארטן, ס'איז דא פון זיי וואס זענען מער קבוע, און ס'איז דא וואס זענען ווייניגער קבוע. ווי ס'איז מבואר אין גמרא (סוכה ח ע"ב) אז ס'איז דא סוכות גנב"ך, וואס דאס איז לעבן די הויז, וואס דאס איז יא קבוע, און ס'איז דא סוכות רקב"ש, וואס דאס איז אינדרויסן פון שטאט אויף די פעלדער, וואס דאס איז נישט קבוע (זיי זענען נישט ווי א 'אהל קבע', זיי זענען אזוי ווי א 'אהל עראי', אדער גאר נאך שוואכער פון דעם).

אין גמרא (סוכה ז ע"ב) איז דא א מחלוקת צו א סוכה לכבוד יום טוב סוכות, צו ס'דארף זיין א דירת עראי אדער א דירת קבע, און די לשון הגמרא ווערט דאס אנגערופן 'סוכה דירת קבע בעינן', 'סוכה דירת עראי בעינן'. לויט ווי געשמועסט קען מען זאגען אז זיי קריגען זיך צו מ'זאל צו גלייכן די סוכה צו 'סוכת גנב"ך וואס איז 'קבוע', אדער מ'זאל עס צוגלייכן צו 'סוכות רקב"ש וואס איז נישט קבוע, דער וואס האלט 'סוכה דירת קבע בעינן', ער האלט אז ס'איז ענדערשט צו צוגלייכן צו גנב"ך, ווייל די תורה האט דאך געזאגט 'תשבו כעין תדירו', מיינט דאך דאס אז די תורה האט יא געוואלט אביסל א קביעות.

און דער וואס האלט 'דירת עראי בעינן', ער האלט אז ס'איז ענדערשט צו צוגלייכן צו רקב"ש, ווייל אויב די סכך פון א סוכה איז גוט פון 'פסולת גורן ויקב', מיינט דאס אז די מהות פון א סוכה איז עראי'די. און ס'איז פשוט אזוי, ווייל אין א סוכה קען דאך אריינרעגענען, און אזוי נאך פיל זאכן אנדערע זאכן וואס מ'זעהט די 'עראי' פון א סוכה, איז פשט אז ווען די תורה געט אונז די מצוה פון סוכה, דארף דאס זיין דומה צו א סוכה וואס מ'מאכט אויפן פעלד, ס'דארף זיין דומה צו א סוכה עראי דוקא.

> **די גדר פון א 'בית' איז א פלאץ וואס איז געמאכט 'לצניעות', א פלאץ וואס דער מענטש באהאלט זיך, צו פון גנבים, אדער פון מענטשן בכלל, פון רעגען און קעלט, און פון אלע אנדערע זאכן פון די דרויסענדיגע וועלט, דאס איז די מהות פון א 'בית'**

### ◆ בית אהל וסוכה

שטייט אין שועה"ר (ריש סימן תרכו) אז די גדר פון א 'בית' איז א פלאץ וואס איז געמאכט 'לצניעות', א פלאץ וואס דער מענטש באהאלט זיך, צו פון גנבים, אדער פון מענטשן בכלל, פון רעגען און קעלט, און פון אלע אנדערע זאכן פון די דרויסענדיגע וועלט, דאס איז די מהות פון א 'בית', מ'באהאלט זיך דארט פון אלעס וואס איז אינדרויסן, מ'וויל לעבן אינדערווייניג מיט די אייגענע מציאות, אהן קיין שום שטערונגען פון אינדרויסן.

אבער א 'אהל' איז נישט אזוי שטארק באהאלטן ווי א הויז, אינדערווייניג אין די 'אהל' קען מען געוועטליך מיט האלטן וואס ס'טוט זיך אינדרויסן, אויך אינדרויסן קען מען אביסל מיט האלטן וואס טוט זיך אינדערווייניג (ראה בספר שופטים המעשה בגדעון), ס'איז קלאר אז אינדערווייניג אין דעם 'אהל' איז מען נישט אינגאנצן אפגעטיילט, מ'איז נישט אזוי גוט אפגעטיילט ווי אין א 'בית', און אויב מ'וויל זיין אינגאנצן אפגעטיילט אהן קיין שום שטערונגען פון אינדרויסן, דאן איז א 'אהל' נישט גוט, פארדעם מוז מען האבן דוקא א 'בית'.

דאס איז די מציאות פון א 'בית ואהל', יעצט לאמיר גיין צו א 'סוכה', א סוכה איז א מחלוקת צו 'סוכה דירת עראי בעינן', אדער 'סוכה דירת קבע בעינן', דאס הייסט אז דער מאן דאמר וואס האלט 'דירת קבע', האלט אז א סוכה דארף זיין אפגעטיילט פון אינדרויסן, און דער 'מאן דאמר' וואס האלט 'דירת עראי', האלט אז א סוכה דארף נישט זיין אזוי שטארק אפגעטיילט פון אינדרויסן, ס'איז גענוג אז ס'איז אביסל אפגעטיילט, אז ס'איז עראי'דיגערהייט אפגעטיילט איז שוין אויך גוט.

די גמרא (סוכה ז ע"ב) רעכנט אויס (8) זאכן וואס מ'קריגט זיך אריין צו 'סוכה דירת קבע' אדער 'סוכה דירת עראי'. די ערשטע זאך איז אין די שיעור סוכה, צו ז' על ז' טפחים אדער ד' על ד' אמות, אויב מ'האלט 'דירת קבע' מוז עס זיין ד' על ד' אמות, אזוי אז ס'זאל זיין קבוע און גוט אפגעטיילט פון אינדרויסן, ווי גרעסער די אינדערווייניג וועט זיין, וועט ער ווייניגער דארפן צוקומען צו אינדרויסן, און ער וועט זיין מער קבוע אין דעם.

אויך קריגען זיי זיך צו א סוכה מעג זיין 'למעלה מעשרים אמות', אויב מ'האלט אז 'סוכה דירת קבע', איז אודאי בעסער ווי גרעסער העכער און שענער, ווייל אזוי איז עס מער א מציאות פאר זיך, ס'איז מער קבוע פאר די צורך פון אינדערווייניג. נאך א

המשך בעמוד הבא

הלכה איז דא אז אויב מ'האלט 'סוכה דירת קבע', מוז עס האבן גאנצע דריי ווענט, און נאר די פערטע וואנט קען זיין א טפח, דאס הייסט אז מ'דארף זיין מער ארום גענומען, מער בשלמות ארום גענומען, אז מ'זאל קענען בעסער און קביעות'דיגער לעבן אינדערוויניג.

און אזוי ווייטער אלע אנדערע מחלוקת, סוכה בראש עגלה וספינה, סוכה כמין צריף, סוכה העשויה ככבשן, איז אלץ די נקודה אז דער מאן דאמר 'סוכה דירת קבע' האלט אז די סוכה דארף זיין גאר גוט אויסגעשטעלט, ס'דארף זיין גאר גוט צוגעשטעלט פון אינדערוויניג, אז ס'זאל זיין ראוי פאר קביעות און מ'זאל נישט דארפן צוקומען צו אינדרויסן.

## ◆ די מאטריאל פון בית אהל וסוכה

די 'מאטריאל' מיט וואס מ'בויט מאכט אסאך אויס אין די קבע און עראי, א 'בית' וואס מ'וויל ס'זאל זיין קבוע, מ'וויל עס זאל זיין אינגאנצן פארמאכט, דאן וועט עס ווערן געבויט מיט פעסטע מאטריאל, ווי האלץ שטיינער ציגעל און סמענט (חימר), וואס די אלע זאכן זענען הארטע מאטריאל, און זיי ווערן איינס מיט די הארטע ערד, אזוי אז ס'בלייבט קבוע אויף אייביג. און וועגן דעם וועט די דירה אין א הויז זיין שטארק אפגעהאקט פון די ארום ארום, ווייל די שטארקע קביעות טיילט איר שטארק אפ פאר א מציאות פאר זיך.

פאר א 'אהל' וועט מען נוצן מער לייכטערע זאכן, מער לייכטערע מאטריאל, סחורות בגדים ועורות, און מ'וועט עס מחבר זיין מיט שטריק און נעגליך צו די קרקע. וואס דאס מיינט אז עס ווערט נישט איינס מיט די קרקע עולם, זיי זענען נישט אזוי קבוע צו די קרקע עולם ווי א בית.

און וועגן דעם וועט 'אהלים' קיינמאל נישט זיין אזוי גוט פארמאכט ווי א הויז, אפילו ס'זאל זיין פארמאכט פון אלע זייטן, וועט מען נאכאלץ אריינהערן און ארויסהערן, און ס'וועט קיינמאל נישט זיין אזוי גוט פארמאכט און קבוע ווי א הויז. אויך די וועטיר פון אינדרויסן וועט אריינקומען אינדערוויניג, די קעלט און די היץ, ווייל דאס איז די טבע פון בגדים און עורות אז זיי קענען נישט זיין אזוי הערמאטיש פארשלאסן ווי א הויז (און וועגן דעם איז 'אהל' נאר א תולדה פון 'בונה', ווי ס'איז מבואר אין קהלת יעקב און אין אבן האזל, ווייל ער בטבע נישט אזוי קבוע ווי א הויז).

דאס איז ביי 'בית ואהל', יעצט לאמיר זעהן די מציאות פון 'סוכה', לויט דער מאן דאמר 'סוכה דירת עראי בעינן', איז א סוכה נאך שוואכער פון אהל, א 'סוכה' ווערט געבויט מיט צובראכענע שטיקלך האלץ (פרוץ מרובה על העומד), באדעקט מיט 'פסולות גורן ויקב', מיט די אוועקגעפאלנע זאכן וואס מ'נעמט צוזאמען פונעם פעלד, מיט דעם מאכט מען די סוכה, ס'ווערט נישט געמאכט מיט קיין אופציעלע זאכן אזוי ווי מ'בויט א 'בית ואהל', ס'ווערט געמאכט אויף אזא פאצעדישע אופן, דאס איז די מהות פון א 'סוכה'. (און ווי מ'זעהט אין חז"ל און פוסקים, די אלע שאלות וואס זענען דא אין הלכות סוכה, וואס דאס פארציילט אונז איר מהות, די אלע זאכן פארציילן אונז ווי פאַצעדיש די מציאות פון א סוכה איז, אז ס'איז געמאכט פון אביסל צוזאם געקלאפטע האלץ און דאס איז עס).

ס'איז דא א בקאנטע ניגון 'א סוכה'לע א קליינע מיט ברעטעלעך געמיינע וכו'', און ס'איז דא וואס האבן מגיה געווען 'מיט ברעטלעך שיינע', ווייל ס'פאסט עפעס נישט צו זונגען 'מיט ברעטלעך געמיינע'. אבער לכאורה לפי וואס אונז פסק'נן אז 'סוכה דירת עראי בעינן', איז ריכטיגער צו זונגען מיט 'ברעטלעך געמיינע', וואס דאס איז די דין פון 'שתים כהלכתן ושלישית אפילו טפח', און די דין פון 'פרוץ מרובה על העומד', וואס איז כשר ביי סוכה לויט דער 'מאן דאמר' - 'סוכה דירת עראי בעינן'.

און אויך די דין פון 'פסולת גורן ויקב', וואס דאס ווייזט די מהות פון סוכה, אז ער איז געמאכט פון די גאר שוואכע סחורה, ווי מ'געט א נעם צוזאם אין פעלד פון די אפפאל וואס וואלגערט זיך אויפן פלאר, און פון דעם שטעלט מען צוזאם א סוכה.

'בית' איז פון די לשון 'ביתה' וואס טייטשט 'אינדערוויניג', און 'סוכה' איז מלשון 'סוכך' וואס טייטשט 'באשיצט'. א 'בית' גייט מען אריין, א בית איז מער אריינציר, מער צו אינדערוויניג, אבער א 'סוכה' גייט מען נישט אריין, פארקערט די לשון ביי 'סוכה' איז אלץ אז מ'גייט ארויס, די מהות פון א 'סוכה' איז אינדרויסן, נאר דארט אינדרויסן נעמט מען זיך א משהו ארום, מנעמט זיך ארום מיט עטוואס האלבע דפנות און אביסלע סכך. און דאס איז די לשון 'סוכה וסוכך', אז מ'איז בעצם אפען צו די אינדרויסן, און דארטן באשיצט מען זיך מיט עטוואס האלבע דפנות און סכך.

## ◆ תשבו כעין תדורו

אפילו אונז פסק'נן אז סוכה דירת עראי, אבער דער 'גברא' דארף זיך קובע זיין אין די סוכה, אלץ די הלכה פון 'תשבו כעין תדורו', ווי די גמרא זאגט 'כל שבעת הימים אדם עושה סוכתו קבע וביתו עראי', און ער דארף אריין טראגען אלע שיינע זאכן פונעם הויז צום סוכה.

יש לחקור צו 'כעין תדורו' מיינט ממש אזוי ווי אינדערהיים, אדער 'כעין תדורו' מיינט 'כעין' (ענדליך) אבער נישט ממש, מ'דארף מאכן א פלאץ וואס זאל זיין 'ראוי לדירה' מיט א געשמאק פאר אכט טעג, אבער עס מוז נישט זיין אזוי גוט און געשמאק ממש אזוי ווי אינדערוויניג אינעם הויז. בפרט אז דאס איז כמעט אימעגליך אז די סוכה זאל זיין ממש 'קבוע' אזוי ווי א הויז, און לכאורה איז נאכנישט געווען איז די היסטוריא א יוד וואס האט געמאכט א סוכה ממש אזוי קבוע ווי אינדערהיים, אלא מאי די 'כוונת התורה' איז אז ס'זאל האבן א קביעות, אבער נישט אז ס'מוז זיין ממש ווי אינדערהיים.

משל למה הדבר דומה, ס'איז דא מענטשן וואס פארן מיט א 'מויביל' אויף וויקעישן פאר צוויי וואכן (ס'איז דא וואס גייען ארויס מיט די 'מוביל' צום וואלד און אזוי לעבט מען דארט פאר צוויי וואכן, אין די נעיטשער, פארגעסנדיג פון וועלט), איז א 'מוביל' איז אויסגעשטעלט צו קענען מאכן דארט עפעס א שטיקל 'קביעות', מ'נעמט מיט פון אלעס וואס מ'קען מיט נעמען, אבער יעדער פארשטייט אז ממש אזוי ווי אינדערהיים וועט עס בשום אופן נישט זיין, ס'איז אויסגעשטעלט אז ס'זאל קענען זיין א 'מעין' פון אינדערהיים, ער זאל קענען דארט וואוינען פאר א וואך צוויי מיט געשמאק, אבער ממש אזוי ווי אינדערהיים איז נישט מעגליך.

די זעלבע זאך ביים 'נמשל', סוכות איז די רצון התורה אז מ'זאל מאכן א קביעות אין די סוכה, 'תשבו כעין תדורו', א 'מעין' פון אינדערהיים, אבער ווי אינדערהיים ממש איז אודאי נישט מעגליך. נאר די מצוות התורה איז אז אלעס וואס מ'טוט אינדערהיים, זאל מען יעצט טון אין די סוכה, דאס הייסט אז די סוכה זאל איבער נעמען דעם הויז.

אויך איז אודאי דא א מצוה צו מאכן די סוכה ווי מער באקוועמער, אזוי זאל עס איבער נעמען די הויז ווי מער, אבער ס'וועט נישט מעכב נאר אויב די סוכה איז 'מצער', 'המצטער פטור מן הסוכה', ווייל דאן איז עס די פארקערטע פון א הויז, די פארקערטע פון א דירה, אבער ווי לאנג ס'איז נישט מצער, איז אפילו ס'איז נישש אזוי פונקטליך ווי מ'איז צוגעוואוינט צו די הויז, איז דאס בכלל פון 'תשבו כעין תדירו', ס'איז אלעס בגדר 'דירה'.

המשך בעמוד האחרון

אז מ'שטייט יום טוב סוכות וואס די מצוה איז ארויסצוגיין פון די 'דירת קבע' און אריינגיין אין די 'דירת עראי' אריין, איז לאמיר אביסל ארום שפאצירן אין די תורה הקדושה און זעהן ווי מ'טרעפט אלץ די ענין פון 'עראי' און קבע'.

## מלאכה קבוע ועראי

איינער פון די פלעצער וואס ס'ווערט אסאך מאל דערמאנט די חילוק צווישן קבע און עראי, איז ביי 'מלאכות', א מענטש קען טון א מלאכה אויף א עראי'דיגע אופן, און ער קען עס טון בקביעות, ווי מער בקביעות דאס איז, וועט עס הייסן א שטערקערע מלאכה, א מלאכה וואס נעמט לאנג, למשל אריינגיין געהעריג אין די דזשאב, דאס איז א שטערקערע מלאכה, ווי למשל כלפי א מלאכה ערב שבת וואס נאר א מלאכה בקביעות איז אסור, אבער א מלאכה לפי שעה, א מלאכה וואס איז פונקט אונטער געקומען, דאס איז מותר.

און מ'זעהט אין די פוסקים איז דא אסאך זאכן צוזאמען וואס מאכט אז א מלאכה זאל ווערן קבועות'דיג, ווי לענגער ס'נעמט איז עס מער קבועות'דיג ווי געשמועסט. ס'ווענט זיך צו מ'מאכט א הכנה, אדער ס'איז פונקט אונטער געקומען (נזדמן לפי שעה), ס'ווענט זיך אין די וויכטיגקייט, ווי וויכטיגער מ'דארף א מלאכה איז עס מער קבוע (למשל א אגרת שלומים וואס מ'איז נישט מקפיד ווי אזוי ס'זאל אויסקומען איז מותר). אויך אויב מ'קומט באצאלט איז די מלאכה מער קבועות'דיג. אויך 'מלאכת אומן' מאכט די זאך מער קביעות'דיג, כאטש וואס 'מלאכת אומן' איז א עקסטערע יסוד, אבער ס'האט אויך א שייכות מיט 'מלאכה קבוע', ווייל א 'מלאכת אומן' איז בהכרח אביסל מער קביעות'דיג. און די אלע זאכן דארף מען צוזאמען ווען מען מ'וויל אפשאצן צו א מלאכה איז קבוע אדער נישט.

מ'זעהט אין די ראשונים אז 'מלאכת קרקע' איז די שטערקסטע מלאכות, ס'ווערט די מערסטע אנגערופן 'מלאכה', און די טעם איז ווי געשמועסט היות 'מלאכת קרקע' איז די מערסטע קביעות'דיג, 'מלאכת קרקע' נעמט אסאך לענגער ווי אלע אנדערע מלאכות, און געווענטליך פלעגט עס ווערן געמאכט דורעך 'עבדים', וואס זיי פלעגן ממש ווערן א חלק פונעם קרקע, ווי מ'זאגט 'עבד הוקש לקרקעות' מיט פילן זון פון ווארט, ווערנדיג איינס ממש מיט'ן קרקע מיט א מורא'דיגע קביעות, ממילא ווערט 'מלאכת קרקע' די מערסטע אנגערופן 'מלאכה'.

## תורתן קבע

איינער פון די פלעצער וואס מ'רעדט אסאך ארום פון קבע און עראי איז ביי תורה, ווי ס'איז מבואר באריכות אין שועה"ר הלכות תלמוד תורה די חיוב אז תורה הקדושה זאל זיין מיט א קביעות, 'עשה תורתך קבע ומלאכתך עראי'. בדרך הטבע איז די עיקר קביעות פון א מענטש ביי זיין ארבעט, אבער די תורה הקדושה זאגט מאך פארקערט, מאך פון דיין תורה א 'קביעות', און פון דיין ארבעט א 'עראי'. מאך א קבע פון 'עולם הבא', פון זאכן וואס האבן א אמת'ע קביעות, נצחיות'דיגע זאכן, און נישט פון 'עולם הזה' וואס האט באמת נישט קיין קביעות.

באמת ביים ארבעט דארף מען אויך זיין שטארק 'קבוע', ווי די פסוק זאגט אין משלי 'גם מתרפה במלאכתו אח הוא לבעל משחית', בשעת'ן ארבעטן אליינס דארף עס זיין מיט די שטערקסטע קביעות, אבער בכללות אינעם טאג און אינעם לעבן פונעם מענטש, דארף די תורה זיין מער קביעות'דיג ווי די ארבעט.

די קביעות ביים ארבעט קומט מיט גאר אסאך חלקים, ביים ארבעט איז א מענטש מורא'דיג קביעות'דיג אויפגעסעט, ער איז אויפגעסעט מיט א קביעות'דיגע פלאץ פאר די ארבעט, צו א אפיס וכדומה, ער איז אויפגעסעט מיט ארבעטערס אים צו העלפן, ער איז אויפגעסעט מיט 'סיסטעמס' אז זאכן זאלן פארן מיט א סיסטעם און א מהלך, ס'זאל פארן מיט א רגילות און א קביעות, און טאמער ס'מאכט זיך א יוצא מן הכלל, איז ער גלייך אויפגעסעט מיט וואס צו פאררעכטן אז ס'זאל ווייטער פארן.

איז די תורה הקדושה דארף זיין נאך מער קביעות'דיג ווי דעם, מ'דארף האבן א 'אויפגעסעטע' פלאץ ווי מ'לערנט, מ'דארף האבן אלע סארט ספרים וואס העלפן צו צום לערנען, נישט ווייניגער ווי ביים ארבעט וואס מ'איז 'אויפגעסעט' מיט אלע סארטן זאכן וואס מ'קען נאר טראכטן אז ס'וועט אמאל העלפן. ביים ארבעט איז מען 'אויפגעסעט' זיך אדורך צו שמועסן מיט א 'קאנסאלטן' מיט די גוטע חברה וואס פארשטייען צו ריקן די זאך ווייטער, דארף מען דאס אויך האבן ביי תורה הקדושה, מ'דארף האבן ביי תורה מיט וועם זיך אדורעך צו רעדן, די תורה הקדושה דארף זיין נאכמער קביעות'דיג ווי ביים ארבעט, וואס דאס איז אלעס א חלק פון די קביעות פון 'עשה תורתך קבע ומלאכתך עראי'.

## א קביעות ביים דאוונען

דאוונען דארף זיין מיט א קביעות, 'כל הקובע מקום לתפלתו אלקי אברהם בעזרו', אז מ'איז זיך קובע א מקום ביים דאוונען ווייזט עס אז די דאוונען איז נישט קיין געכאפטע זאך, דאוונען איז א אוועגעשטעלטע זאך וואס פארלאנגט זיך א קביעות. אויך א בית המדרש איז א מקום קבוע נאר פארן דאוונען, און ס'איז זייער הארב צו טון אנדערע זאכן, וואס דאס איז א חלק פון די קביעות פונעם דאוונען, אז די בית המדרש זאל זיין קבוע נאר פאר דאוונען, און כל שכן נישט פאר 'שחוק וקלות ראש' וואס איז פארקערט פונעם דאוונען.

און מ'זעהט עס שטארק אין די הייליגע טעג, די גרויסע עסק אין די בתי מדרשים מיט פלעצער, און מ'זיצט טאקע אפ שעות בקביעות מיט'ן דאוונען, כל הקובע מקום לתפלתו אלקי אברהם בעזרו', אין די הייליכע טעג ווען מ'בעט זיך אויס א גוט יאר, איז נישט דא קיין בעסערע זאך ווי א 'קביעות' מקום לתפלה, און דאס זענען אלע יידישע קינדער מקיים אין די טעג.

פאר א ווערטל האט אמאל א יוד געזאגט, ס'איז דא דריי ציטן ווען די קינדער מאכן א גרויסע עסק פון די פלעצער, אין די הייליגע טעג אין שול, שמחת תורה ביי די הקפות, און ביים סדר טיש פסח ביינאכט, און דאס קומט ווייל זיי פילן אז די חשיבות פון די פלעצער האבן זיך געהויבן, זיי פילן די עסק וואס די טאטעס מאכן מיט די פלעצער, וואס די גבאים מאכן מיט די פלעצער, דאס מאכט אז ער זאל אויך וועלן נכלל ווערן אין דעם גרויסן חשיבות,

המשך בעמוד הבא

**ביים ארבעט דארף מען אויך זיין שטארק 'קבוע', ווי די פסוק זאגט אין משלי 'גם מתרפה במלאכתו אח הוא לבעל משחית', בשעת'ן ארבעטן אליינס דארף עס זיין מיט די שטערקסטע קביעות, אבער בכללות אינעם טאג און אינעם לעבן פונעם מענטש, דארף די תורה זיין מער קביעות'דיג ווי די ארבעט**

# ענינים



ער וויל אויך זיין א חלק פון דעם, ער וויל אויך א פלאץ.

אויך פסח ביינאכט זעהט ער די עסק וואס די טאטע מאכט ארום זיין אייגענע פלאץ, די היסב בעט די בעכער און די קערה און אלעס ארום, ממילא וויל אויך די קינד נכלל ווערן אין די חשובע קביעות. (יענער האט עס געזאגט אויף די פארקערטע וועג, אז אויב די טאטעס וואלטן ווען נישט געמאכט אזא עסק, דאן וואלטן די קינדער זיך אויך בארואיגען אביסל, וואס דאס איז אויך א וויכטיגע זאך צו וויסן, אז אמאל איז די 'קביעות' אביסל צו שטארק, יתר על המידה, ודי למבין).

אויך איז די דאוונען אוועק געשטעלט מיט א מורא'דיגע סדר, מ'שאקעלט נישט סתם ארויס ווערטער פון ארבעל ארויס, נאר מ'דאווענט מיט א סדר און א פונקטליכקייט ווי די חז"ל האבן אונז מסדר געווען. אויך די אלע הלכות פון הכנה לתפלה איז מכח די קביעות וואס מ'דארף האבן צום דאווענען, מ'פאלט נישט אריין צום דאווענען אויף א עראי'דיגע אופן, וואס דאס איז אלץ מכח די קביעות פונעם דאוונען, וואס לאזט נישט גארנישט ערלעדיגען פאר דעם.

באמת ביים דאוונען איז דא א פארקערטע זאך, דאווענען טאר נישט זיין מיט קיין קביעות, ווי די משנה זאגט 'העושה תפילתו קבע אין תפילתו תחנונים (ברכות פרק ד משנה ד), 'אל תעש תפלתך קבע אלא רחמים ותחנונים' (ברכות כט עמוד ב). די פלאץ און אלעס ארום און ארום, דארף זיין מיט א שטארקע קביעות און חשיבות, אבער די דאוונען זעלבסט טאר נישט זיין מיט קיין קביעות, די דאוונען זעלבסט דארף זיין מיט א שברון לב ברחמים ותחנונים.

נאך א הלכה איז דא ביים דאוונען, די משנה זאגט 'תפלת הערב אין לה קבע, ושל מוספין כל היום', א גאנצע נאכט קען מען דאווענען מערב, ווייל די נעכט איז מער א עראי'דיגע מצב, ביינאכט זענען זאכן נישט אזוי קבוע ווי בייטאג, ממילא איז אויך די דאוונען דארף נישט זיין אזוי שטארק קביעות'דיג ביי מערב ווי ביי די אנדערע תפלות.

און אזוי איז דא נאך פיל ענינים און סוגיות וואס האבן צו טון מיט 'קבע ועראי', ביי 'טבל' איז דא 'אכילת עראי' און 'אכילת קבע', מקח וממכר איז קובע למעשר, שבת איז קובע למעשר. אויך הלכות בנין בשבת איז דא חילוקים צווישן בנין עראי און בנין קבע. אויך איז דא אסאך סוגיות פון 'סעודות קבע' און 'שינת קבע'. אויך ביי 'דירה', ווי ביי סוכה און ביי אהלים איז דא אסאך חילוקים צווישן קבע און עראי (אויך איז דא הלכות וועגן א גוי צו ער מעג וואוינען בקביעות אין ארץ ישראל). די נקודה פון 'קביעות' איז, אז דער זאך ווערט כאילו ווי מחובר צום קרקע עולם מכח די קביעות, וואס די 'קרקע עולם' געט פאר די זאך די שטארקייט און די קביעות. מ'דארף נאך אסאך מאריך זיין אין די ענין פון 'קבע ועראי', אבער לעת עתה איז די גליון נישט מספיק, ועוד חזון למועד בעזהי"ת.

# מועדים



אזוי ווי ביים משל פארשטייט מען, אז היות פאר צוויי וואכן איז די 'מויבל' אויסגערישט ווי א קליינע הויז, קען מען עס אנרופן מיט די נאמען 'דירה', ס'איז שוין ראוי צו ווערן אנגערופן 'הויז' כאטש ס'איז גאר ווייט פון די עכטע הויז, אבער עטוואס 'הויז' הייסט עס שוין. די זעלבע זאך ביים נמשל, כל זמן דער מענטש האט נישט צער אין די סוכה, איז די סוכה אין כלל פון 'דירה', ס'איז א קליינע דירה וואס איז א 'מעין' פון די גרויסע, כאטש ס'איז גאר ווייט פון די גרויסע הויז פון א גאנץ יאר.

די עיקר הלכה פון 'תשבו כעין תדרו' ברענגט ארויס אז 'תשבו' איז מלשון 'עכבה', 'תשבו' מיינט נישט סתם זיצן אין די סוכה, נאר 'תשבו' מיינט זאלסט זיך אויפהאלטן דארט, דיין עיקר פלאץ צו וואוינען אין די אכט טעג, זאל זיין אין די סוכה, די דירת הסוכה זאל איבער נעמען די דירה פון די הויז, און ווי לאנג ס'איז נישט דא דארטן קיין צער, איז עס ראוי צו ווערן אנגערופן 'דירה', ס'איז ראוי צו איבער נעמען די הויז.

**תמצית: די ערשטע ענין איז געווען וועגן די צוויי סארטן סוכות, אז אין די מציאות איז פארהאנען צוויי סארטן סוכות, ס'איז דא סוכות לעבן די הויז וואס זיי זענען מער קבוע, און ס'איז דא סוכות אין די פעלדער וואס זיי זענען מער עראי, און על פי זה איז געווארן נתבאר די מחלוקת צו סוכה דירת עראי אדער סוכה דירת קבע בעינן, צו מ'זאל מדמה זיין די סוכה פון סוכות צו די סוכות לעבן די הייזער, אדער צו די סוכות אין די פעלדער.**

**צום צווייטנס האב מיר גערעדט וועגן די יסוד וואס שטייט אין שועה"ר אז אז א 'בית' איז געמאכט זיך פאר צניעות, זיך אפצוטיילן פון אינדרויסן, און אז א 'אהל' איז אויך אביסל אפגעטיילט, אבער א סוכה איז בכלל נישט אפגעטיילט, און אויב איז ער יא געמאכט געווארן צו זיין אפגעטיילט, איז ער נישט קיין סוכה בכלל, די מהות פון א סוכה איז אז ער איינס מיט די ארום ארום, ער איז בכלל נישט אפגעטיילט, ער פארמאכט זיך נאר א משהו, אבער בעצם איז ער אינגאצן אפען צו די ארום ארום.**

**נאך דעם האב מיר גערעדט פון די 'מאטריאל' מיט וואס מ'בויט א דירה, א 'בית' בויט מען מיט מער הארטערע 'מאטריאל', און א 'אהל וסוכה' מיט מער שוואכערע, און דאס איז וואס מאכט די קביעות, ווייל די בית וואס האט הארטע מאטריאל קען ווערן איינס מיט די קרקע עולם, וואס איז אויך אזוי הארט ווי אים, און דאס טיילט אים שטארק אפ פון די אינדרויסנדיגע וועלט, און לפי זה איז געווארן נתבאר די צוויי גירסאות פון די באקאנטע ניגון 'א סוכה'לע א קליינע', צו 'מיט ברטעלעך געמיינע' אדער 'מיט ברעטעלך שיינע'. נאכדעם זעמיר אריין אין א נייע שמועס וועגן 'תשבו כעין תדירו', צו ס'דארף זיין ממש ווי א הויז, אדער נאר 'כעין' ווי א הויז.**

## נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424